# III. שפּראַכיקע אָנווײַזונגען



נעמ. 28—קאָנאָפּליע.

לינקס—פּעסטלדיקע קאָנאָפּליע, רעכטס—שטויבפּעדימדיקע.

# 1. דער גראַמאַטישער מין

מיטן געוויסיקן אַרטיקל דער, די, דאָס (ד״ה מיט דער אינפֿאָרמאַציע וועגן גראַמאַטישן מין) ברענגען מיר די באָטאַנישע טערמינען נאָר אין געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער, נישט אינעם ליטײַניש־ענגליש־ייִדישן ווערטערביכל. במילא וועלן טייל ווערטער פֿון נייטראַלן מין אין די צוויי ערטער אויסזען אַ ביסל אַנדערש: אין געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער – דאָס שטעכיקע שיינדעלע, דאָס שמעקעדיקע שטערנדל (מיטן אַדיעקטיווישן אויסלאָז ־ע) און אינעם דרײַשפּראַכיקן ווערטערביכל – שטעכיק שיינדעלע, שמעקעדיק שטערנדל (אָן דעם ־ע). אָט די „סתּירה" נעמט זיך פֿונעם גראַמאַטישן כּלל, אַז בײַ אַן אַדיעקטיוו מיטן געוויסיקן אַרטיקל איז די נייטראַלע פֿאָרמע אין נאָמינאַטיוו גלײַך מיט דער פֿעמינינער פֿאָרמע: די קלוגע פֿרוי, דאָס קלוגע קינד; אָבער אַ קלוגע פֿרוי, אַ קלוג קינד.

מיר רעקאָמענדירן, פֿאַרשטייט זיך, דעם גראַמאַטישן מין לויט די נאָרמעס פֿונעם הײַנטיקן ליטעראַרישן ייִדיש. במילא לאָזן מיר בדרך־כּלל אויסן די פֿאַקטן, וואָס שפּיגלען אָפּ די היפּערטראָפֿיע פֿונעם דריטן מין אין מערבֿ־ און צענטראַל־ייִדיש (ספּעציעל גאַליציע) אָדער די אַנדערשקייטן פֿון צפֿון־ייִדיש („ליטוויש ייִדיש"), ווו ס'איז נישטאָ קיין נייטראַלער מין (דער בלעטעלע; בײַ גאַלאָמבען – דער געמייזעכצל), אָבער דערפֿאַר דער געמישטער מין (לשון־נקבֿה אין נאָמינאַטיוו, לשון־זכר אין דאַטיוו: די צווײַג, מיטן צווײַג), דער סובסטאַנץ־מין (לשון־נקבֿה אין נאָמינאַטיוו, כּמו לשון־רבים אין דאַטיוו) און בכלל אַן אַנדערשדיקער „פֿונאַנדערשטעל" פֿונעם גראַמאַטישן מין (לשון־זכר ווו מע וואָלט זיך געריכט אויף לשון־נקבֿה, און פֿאַרקערט: די בוים). אויך די דערפֿון אַרויסוואַקסנדיקע אומאויסגעהאַלטנקייטן און היפּערקאָרעקטקייטן דערעיקרשט בײַ שרײַבערס פֿון דער ליטע און צפֿון־אוקראַיִנע, וואָס זיי פֿלײַסן זיך צו שרײַבן ליטעראַריש ייִדיש, איגנאָרירן מיר דאָ (בײַ נאָטע לוריע – אי די טשערעט, פֿון די טשערעט, אי דער טשערעט; דאָס ווייץ, די ווייץ און דער ווייץ; די גערשטן, פֿון די גערשטן, אָבער אויך דער גערשטן אאַז״וו).[2]

אויב געווי איז בנוגע גראַמאַטישן מין אָריענטירט אויפֿן אָנגענומענעם ליטעראַרישן באַניץ, וואָס זשע זאָל טאָן דער פֿאָרשער פֿונעם גראַמאַטישן מין אין

---

1) דער שרײַבער פֿון די שורות האָט געוואָרפֿן אַן אומחן אויף די טערמינען **כּלל־שפּראַך** און **כּלל־ייִדיש**: זיי זענען אומפּינקטלעך און שמעקן מיט גאווה („רעדסטו נישט די כּלל־שפּראַך, ביסט מחוצן כּלל"...) . אויך אוריאל ווײַנרײַך האָט צום סוף פֿון זײַנע טעג, אין דער הקדמה צו זײַן ווערטערבוך, ווידער גענומען ניצן דעם טראַדיציאָנעלן טערמין **ליטעראַטור־שפּראַך**.

2) די אָנגעוויזענע פֿאַקטן בײַ נאָטע לורין געפֿינען זיך אויף די זז׳ 76, 83, 132, 163 אאַז״וו פֿון זײַן **דער סטעפּ רופֿט**.

די ייִדישע דיאַלעקטן? זאָל ער קודם אויסניצן די אוצרות פֿונעם ייִדישן שפּראַך־ און קולטור־אַטלאַס און דערנאָכדעם אויך דאָס שייכדיקע שפּראַכוואַרג, וואָס סע האָט זיך אָנגעקליבן אין די קאַרטאָטעקן פֿונעם שרײַבער פֿון די שורות: אַ פֿיר הונדערט טויזנט קאַרטלעך מיט אַן ערך אַ מיליאָן שפּראַך־אָבסערוואַציעס. געבליבן בדרך־כּלל אין אונדזער קאַרטאָטעק איז, אַ שטייגער, די אינפֿאָרמאַציע וועגן דערמאָנטן סובסטאַנץ־מין, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן ליטווישן און צפֿון־אוקראַיִנער ייִדיש: די באָב, פֿון די באָב; די גערשטן, פֿון די גערשטן; די האָבער; די וויץ; די קאָרן אאַז״וו; אינעם ליטעראַרישן לשון זענען אָט די אויסגערעכנטע סובסטאַנטיוון לשון־זכר: דער באָב, דער גערשטן, דער האָבער, דער וויץ, דער קאָרן.

ווו דער גראַמאַטישער מין אינעם ליטעראַרישן לשון איז אַ וואַקלדיקער, שיקן מיר אָפּ פֿון איין וואַריאַנט צום אַנדערן, אָדער מיר גיבן ביידע ברירות ווי גלײַכרעכטיק. בײַם אָפּגעבן די בכורה איין וואַריאַנט (פֿון צווישן צוויי אָדער מיין) גייען מיר קודם־כּל לויטן אַחרי־רבים־להטות, דערנאָכדעם לויטן אַרײַנגעפּאַסטקייט אין גלאַטיקע גראַמאַטישע כּללים. אַ משל: פֿאַראַן אין ייִדיש סײַ די מאַראַנץ, סײַ דער מאַראַנץ. איז ערשטנס, קער די מאַראַנץ זײַן פֿאַרשפּרייטער פֿון דער מאַראַנץ. צווייטנס, פּאַסט זיך די מאַראַנץ בעסער אַרײַן אין דער סעריע די סובסטאַנץ, די קאָנקאָרדאַנץ, די אַליאַנץ, ד״ה אינעם כּלל, אַז סובסטאַנטיוון אויף ־אַנץ זענען לשון־נקבֿה. מיר רעכענען זיך אויך שטאַרק מיטן ספּעציפֿישקייט־פּרינציפּ: עפּעס וואָס ס׳איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר מאַמע־לשון איז בײַ אונדז בילעכער פֿון עפּעס וואָס ייִדיש האָט בשותּפֿות מיט דײַטשיש, פּויליש אאַז״וו. אַ וואָרט אָדער פֿאָרמע וואָס זי איז אויפֿגעקומען אין ייִדיש איז טייל מאָל חשובֿער פֿון אַ ירושה־וואָרט; ווען יאָ און ווען נישט – בײַ אַ שעת־הכּושר.

ספֿקות וועגן גראַמאַטישן מין ווײַזן מיר אָן דורך דער קירצונג סג״ימ, ווי פֿריִער דערמאָנט (אינעם קאַפּיטעלע „קירצונגען און סימבאָלן”). נעמען פֿון האַנדל־סאָרטן און גאָרטן־וואַריעטעטן גיבן מיר אָנעם געוויסיקן אַרטיקל. מע טרעפֿט זיי דאָך זעלטן מיט אַן אָנווײַז פֿון גראַמאַטישן מין. זייער גראַמאַטישער סטאַטוס קער זײַן אין דער בחינה פֿון פּרט־סובסטאַנטיוון, ד״ה ס׳רובֿ אָן אַן אַרטיקל. ווי אַ טעאָרעטישן כּלל קען מען אָבער משער זײַן, אַז די האַנדל־סאָרטן און גאָרטן־וואַריעטעטן זענען לשון־זכר, סײַדן זייער אויסלאָז איז אויף ־ע (לשון־נקבֿה) אָדער זיי זענען דימינוטיוון (נייטראַל).

בײַ ווערטער, וואָס מיר „דיסרעקאָמענדירן” זיי (דײַטשמעריזמען, אַנגליציזמען, שפּאַניזמען; שרײַיִקע רוסיזמען, פּאָלאָניזמען און עבֿריתיזמען; סתּם טעותן אאַז״וו), ברענגען מיר נישט די אינפֿאָרמאַציע וועגן גראַמאַטישן מין.

בײַ אַ צונויפֿהעפֿט איז אַזוי: בדרך־כּלל איז מכריִע דער גראַמאַטישער מין פֿונעם צווייטן עלעמענט זײַנעם – די ווײַבערשיל, ווײַל די שיל (פֿאַראַן אויסנעמען[3]). אויך בײַ די באָטאַנישע טערמינען איז אַזוי, אָבער נישט תּמיד: טאַקע דאָס וואָלגראָז, ווי דאָס גראָז, אָבער בײַ זילבערבלאַט, לעכלבלאַט, שטערנבלאַט וואָלט דער בעל־מחבר פֿון געווי נוטה געווען צו דער, בהסכּם מיט דער רעקאָמענדאַציע וואָס אין אוריאל ווײַנרײַכס ווערטערבוך, כאָטש דאָס בלאַט איז געאָגראַפֿיש דאָס פֿאַרשפּרייטסטע.[4]

---

3) בײַ אוקראַיִנישע, ליטווישע, און רומענישע – **דער יאָרצײַט**, בײַ פּוילישע – **די יאָרצײַט**.

4) סכעמאַטיש איז דאָ דער גראַמאַטישער מין אַזוי: אין ליטווישן ייִדיש **די** אָדער **דער בלאַט**; אין דער אוקראַיִנע און באַסאַראַביע **דער בלאַט** (הגם בדרך־כּלל זאָגט מען **בלעטל**); קאָנגרעס־פּוילן, גאַליציע און בוקעווינע – **דאָס בלאַט**.

# 2. דאָס לשון־רבים

די אינפֿאָרמאַציע וועגן לשון־רבים ברענגען מיר אינעם געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער. מיר גיבן די ליטעראַריש אָנגענומענע לשון־רבים־פֿאָרמע. ווו ס'איז דאָ אַ ספֿק, שטעלן מיר דעם סימבאָל סל״ר (= ספֿק לשון־רבים). ווו צוויי רבים־פֿאָרמעס קאָנקורירן און איינע איז אַ ייִדישע, די צווייטע אַ דײַטשמערישע, ברענגען מיר נאָר די ייִדישע. אויב ביידע זענען ייִדישע און ביידע זענען אָנגענומען אינעם ליטעראַרישן לשון, וועלן זיי פֿיגורירן ווי גלײַכרעכטיקע. אויב נאָר איין רבים־פֿאָרמע איז אָנגענומען אין דער ליטעראַטור־שפּראַך, שיקן מיר אָפּ צון איר.

אויב אַ געוויקס־נאָמען ווערט געניצט בלויז אין לשון־יחיד אָדער נאָר אין לשון־רבים (אַ שטייגער: משוגענע שוועמלעך), פֿאַרצייכענען מיר דעם פֿאַקט דורך די סימבאָלן בל״י (= בלויז לשון־יחיד), בל״ר (= בלויז לשון־רבים). אויב דער טערמין איז אַ סובסטאַנץ־סובסטאַנטיוו, פֿאַרפֿיקסירן מיר דעם פֿאַקט דורכן סימבאָל ס״ס. די אינפֿאָרמאַציע האָט אַ סעמאַנטישע ווערט: דאָס לשון־רבים פֿון סתּם סובסטאַנטיוון איז דאָך טײַטש 'מיין ווי איין', בעת דאָס לשון־רבים פֿון די סובסטאַנץ־סובסטאַנטיוון איז טײַטש 'פֿאַרשיידענערליי'.

בײַ צונויפֿהעפֿטן מיט ־בוים, ־בלאַט ברענגען מיר נישט קיין לשון־רבים, וואָרן אונדזער לייענער ווייסט דאָך, אַז דער רבים אין ליטעראַרישן ייִדיש איז ביימער (אין טיילן פֿון ליטווישן דיאַלעקט, אַגבֿ: ביימען) און במילא איז איבעריק אים אָנצוּווײַזן, אַז דער רבים פֿון באַוולבוים איז באַוולביימער. אויך דעם רבים בײַ צונויפֿהעפֿטן מיט ־גראָז גיבן מיר נישט בדרך־כּלל, אָבער צום טייל איבער אַן אַנדער טעם: מע ניצט דעם רבים זייער זעלטן.

בײַ ווערטער, וואָס מיר „דיסרעקאָמענדירן" זיי (דײַטשמעריש אאַז״וו), ברענגען מיר נישט דעם רבים. מיר שיקן דאָך אָפּ פֿון די געפּסלטע ווערטער צון אַנדערע, וועט מען שוין בײַם צילוואָרט געפֿינען אויך די אינפֿאָרמאַציע וועגן רבים.

בײַ נעמען פֿון האַנדל־סאָרטן און גאָרטן־וואַריעטעטן גיבן מיר נישט קיין לשון־רבים, וואָרן זייער גראַמאַטישער סטאַטוס איז ווי בײַ פּרט־סובסטאַנטיוון, וואָס מע ניצט זיי דאָך כּמעט נישט אין רבים. אין די זעלטענע פֿאַלן, ווען סע קען אויסקומען צו ניצן אַ רבים, איז ער אויף ־ן, אַכיבע דער סובסטאַנטיוו ענדיקט זיך אויף ־יק (דעמאָלט איז דאָס לשון־רבים אויף ־עס), אויף ־ע (־ס), אויף קאָנסאָנאַנט פּלוס נון (־ען), אויף קאָנסאָנאַנט פּלוס ל (־ען), אויף געקוועטשטן וואָקאַל (־ען), אָדער דימינוטיוו (־עך) צי אימינוטיוו (־ך).

אין פּאַקטישן שפּראַכבאַניץ, ווען מע רעדט וועגן אַ סכום, קומען טייל מינים, זגאַלן, וואַריעטעטן און סאָרטן אויפֿס און גאָרטנוואַרג אין רבים (פֿאַסאָליעס, מייערן א״אַ), אַנדערע – אין לשון־יחיד (רעטעך, קרויט א״אַ). בײַ בײדע קאַטעגאָריעס ברענגען מיר אינעם געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער ס׳רובֿ אי דאָס לשון־יחיד, אי דאָס לשון־רבים; אינעם ליטעראַריש־ענגליש־ייִדישן ווערטערביכל – נאָר דאָס לשון־יחיד, חוץ די פֿאַלן ווו די רבים־פֿאָרמע איז למעשׂה דער נאָמען פֿונעם געוויקס: טרויבן, ווײַמפּערלעך, אָזשענעס, מאַלענעס. דורכן סימבאָל לרײנ (= לשון־רבים־נאָמען) ציִען מיר דעם אויפֿמערק דערויף, אַז בײַ דעם געוויקס איז דאָס לשון־רבים אויך דער נאָמען פֿונעם געוויקס, בעת דאָס לשון־יחיד ווײַזט אָן אַן ענצלפּרוכט. למשל: דאָס לשון־רבים ווײַנטרויבן איז דער נאָמען פֿונעם מין, בשעת ווײַנטרויב צי טרויב איז טײַטש נאָר די ענצלפּרוכט.

# 3. דער אַרויסרעד

אויב דער אַרויסרעד פֿונעם נאָמען פֿון אַ געוויקס קען זײַן פּראָבלעמאַטיש, גיבן מיר אים טראַנסקריבירטערהייט און אין קאַנטיקלעך.

אַ וויכטיקע אינפֿאָרמאַציע בנוגע אַ וואָרט: דער קוועטש. מיר ברענגען אָט די אינפֿאָרמאַציע נאָר אינעם געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער דורך אַ ווערטיקאַל, הויך געשטעלט פּאַסיקל – עלעהיי אַן אַפּאָסטראָף – נאָכן געקוועטשטן טראַף. מיר שטעלן דעם קוועטשצייכן אַפֿילו ווען דער פֿאַרלעצטער טראַף טראָגט דעם קוועטש.

נישט תּמיד ברענגען מיר אָבער אָט די אינפֿאָרמאַציע, זי איז טייל מאָל איבעריק. מיר שטעלן נישט דעם קוועטשצייכן 1) בײַ אַרכאַיִזמען, ווּ דער שרײַב־אופֿן פֿאַרשטעלט סײַ ווי דעם אַרויסרעד; 2) בײַ דײַטשמעריזמען, אַנגליציזמען, שפּאַניזמען און שרײַבקע רוסיזמען צי פּאָלאָניזמען וואָס פֿאַרן הײַנטיקן באַניץ דאַרפֿן זיי האָבן נאָר אַ שפּראַך־היסטאָרישן אינטערעס; 3) ווּ מיר האָבן ספֿקות וועגן אַקצענט (צי אַרויסרעד בכלל).

בײַ אַקצענטיר־וואַריאַנטן (באַנאַץ און באַיִנאַן) שטעלן מיר בײדע נוסחאָות, כאָטש מיר גיבן אָפּ די נאָרמאַטיווע בכורה צון איין וואַריאַנט.

# 4. אויסלייג: אָרטאָגראַפֿישע און מאָרפֿאָלאָגישע וואַריאַנטן

פֿאַרשטייט זיך, אַז געווי היט אָפּ געוויסנדיק די תּקנות פֿון איינהייטלעכן ייִדישן אויסלייג. איז אויב די פֿון ייִוואָ נאָרמירטע אָרטאָגראַפֿיע איז בײַ אונדז אַקסיאָמאַטיש, לית מאַן דפּליג, צו וואָס זשע געבן דאָ אַ סובקאַפּיטעלע וועגן אָרטאָגראַפֿיע? כּדי אָנצווײַזן עטלעכע פּרטים, טאַקע אינעם גדר פֿון איינהייטלעכן אויסלייג.

פֿאַראַן אין די תּקנות פֿון ייִדישן אויסלייג אַ פּאַראַגראַף, וואָס ער ווערט ס׳רובֿ בשוגג איגנאָרירט פֿון די, וואָס זיי היטן אָפּ די פּרינציפּן פֿון דער סטאַנדאַרדיזירטער ייִדישער אָרטאָגראַפֿיע, דהײַנו תּקנה 143 ד: „אַ מקף שטעלט מען אין אַ צונויפֿהעפֿט אַפֿילו ווען די צאָל טראַפֿן איז נישט גרעסער ווי דרײַ, אויב די אינאיינעמדיקע שרײַבונג וואָלט געקענט פֿאַרשווערן דאָס לייענען אָדער אַרײַנפֿירן אין אַ טעות”. אין געווי האָבן מיר מיט אָט דער תּקנה זיך אַ סך מאָל גערעכנט. מיר שרײַבן בלאָ־קעפּל, וואָרן אויב מיר וואָלטן עס געשריבן אין איינעם („בלאָקעפּל”), וואָלט מען עס גרײַלעך געטײַטשט ווי אַ סאָרט עפּל („בלאָק־עפּל”!). אַזוי זענען מיר זיך אויך נוהג: בלאָ־קרויט (מע זאָל עס נישט לייענען „בלאָק־רויט”), בלאָ־גראָז, בלאָ־שוואָם, בלוט־עפּל (ס׳איז דאָך נישט קיין „טעפּל”), בראָט־שוועמל, בערג־רויז, פֿרי־איריס און נאָך און נאָך. מיר ווילן דאָך נישט, אַז עמעץ זאָל איגנאָרירן די תּקנה 143 און במילא אויסלייגן „פֿערדסקריפּ”) טײַטשן ווי „פֿערד־סקריפּ”...

די באָטאַנישע טערמינען וואָס מיר ברענגען אין געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער קומען דאָך פֿון כלערליי טעקסטן און פֿון כלערליי תּקופֿות, האָבן מיר זיך נוהג געווען אַזוי: נעמען פֿון געוויקסן און ציטאַטן פֿון געדרוקטע מקורים וואָס זינט אָנהייב נײַנצעטן יאָרהונדערט ברענגען מיר אין אַ סטאַנדאַרדיזירטער פֿאָרעם, אוניפֿיצירטערהייט; געוויקסן וואָס ביזן אָנהייב נײַנצעטן יאָרהונדערט – כּכּתובֿ, אין זייער אַרכאַיִשער פֿאָרעם. נאָר בײַ טערמינען וואָס אין ליפֿשיצעס ווערטערביכלעך זענען מיר אַ מאָל מקיל – מיר ברענגען זיי אין דער פֿאָרעם, ווי מיר האָבן זיי בײַ אים געפֿונען.

נאָך אַ יוצא־מן־הכּלל: די אילערליי דײַטשמעריזמען לאָזן מיר אויך אַזוי ווי מיר האָבן זיי געפֿונען, נישט געייִדישט, נישט פֿאַרפּוצט, נאָר מיט אַ וואָרן־צייכן (!) פֿון פֿאָרנט.

וואַריאַנטן האָבן מיר מיינסטנס נישט געטשעפּעט. מיר האָבן אָבער, ווי שוין אָנגעוויזן, געוויקסן מיט בלאָ־/בלוי־/בלאָווּ־ און גראָ־/גרוי־/גראָווּ־ ווי אַן עלעמענט פֿון זייער נאָמען סטאַנדאַרדיזירט אויף בלאָ־ און גראָ־.

צווישן די פֿאָנעמישע און אָרטאָגראַפֿישע וואַריאַנטן וואָס מיר האָבן געברענגט כּכתובֿ זענען: פֿלוים און פֿלאָם, אונגעריש און אונגערש א״אַ.

מאָרפֿאָלאָגישע וואַריאַנטן האָבן מיר נישט אוניפֿיצירט. אויב מיר האָבן געפֿונען אין אַ געדרוקטן מקור אַ געוויקס, וואָס זײַן נאָמען הייבט זיך אָן מיט אַמעריקאַנער, קאָרעער אאַז״וו, האָבן מיר געלאָזט אַמעריקאַנער, קאָרעער. אויב ס׳איז געשטאַנען אַמעריקאַניש, קאָרעיִש וכ׳, איז ווידער: געלאָזט ווי געפֿונען. נאָר בײַ נעאָלאָגיזמען קען מען זען די פּרעפֿערענצן פֿונעם בעל־מחבר פֿון געווי.